# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת אחרי קדושים תשפ"ג שנה ט | גליון מס' 480

בני אמונים מתחזקים בעניית אמן

לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל נפטר י"ג אלול תשס"ג



ת.ד 102 בני ברק
פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

## די אינהאלט פון די תפילה פון כהן גדול

**"וְכָל אָדָם לֹא יִהְיֶה בְּאֹהֶל מוֹעֵד בְּבֹאוֹ לְכַפֵּר בַּקֹּדֶשׁ עַד צֵאתוֹ וְכִפֶּר בַּעֲדוֹ וּבְעַד בֵּיתוֹ וּבְעַד כָּל קְהַל יִשְׂרָאֵל"** (טז יז)

די חכמים וואונדערן זיך אין מדרש (ויק"ר כא יב, ע"פ 'מתנות כהונה' שם): דערנאך וואס די תורה האט באפוילן: "וְכָל אָדָם לֹא יִהְיֶה בְּאֹהֶל מוֹעֵד", וויאזוי קען דער כהן הגדול אליין יא ארייגגיין טוהן די עבודה אין קודש הקדשים אין יום כיפור, איז ער דען נישט קיין 'אדם'? ענטפערן זיי, אז טאקע אזוי, אין די צייט וואס ער איז אריין לפני ולפנים, איז דער כהן גדול נתעלה געווארן ביז צו די דרגה פון א מלאך און איז נישט געווען א 'אדם'.

ביי די באזוך פונעם '**דברי יואל**' אין ארץ ישראל אין יאר תרצ"ב, האט ער באזוכט ביים זקן המקובלים אין ירושלים פון יענע צייטן, **רבי חיים שאול דוויק הכהן**. ביי די באזוך האט ער דערמאנט דעם אויבנדערמאנטן מדרש, ווען ער פירט אויס מיט באגייסטערונג:

טאקע אזוי, טראץ די דערהויבענע מדרגה צו וועלכער דער כהן הגדול האט דערגרייכט אום יום כיפור, האט ער אין זיין קורצע תפילה אין דעם טאג בעיקר געבעהטן אויף גשמיות'דיגע באדערפענישן פון די אידן, אזוי ווי מיר זאגן ביי מוסף פון יום כיפור (ע"פ יומא נג ב): "וכך היתה תפלתו של כהן גדול בצאתו בשלום מן הקודש... ושלא יצטרכו עמך בית ישראל בפרנסה זה לזה ולא לעם אחר... שלא תפיל אשה פרי בטנה, ושיתנו עצי השדה את תנובתם...".

'עולמות שחרבו' עמ' צא

•

דער ירושלמי (יומא א ה) לערנט ארויס פון דאס וואס עס שטייט "**וְכָל אָדָם** לֹא יִהְיֶה בְּאֹהֶל מוֹעֵד", אז אויך מלאכים וואס אויף זיי שטייט: "וּדְמוּת פְּנֵיהֶם פְּנֵי אָדָם" (יחזקאל א י), האבן נישט געמעגט זיין אין אוהל מועד ווען דער כהן גדול איז אריין יום כיפור אין קודש הקדשים.

מיט דעם פארענטפערט **רבי צבי יחזקאל מיכלזאהן** פלונסקער רב די וואונדער פון די מפרשים אויף דעם וואס דער כהן גדול האט געבעהטן ביי די תפילה פון יום כיפור אויף די עקזיסטענץ פון מלכות בית דוד אויף די אראמישע שפראך: "לֹא יַעֲדֵי עָבִיד שׁוֹלְטָן מִדְּבֵית יְהוּדָה" (יומא נג ב), און נישט מיטן לשון הפסוק אין בראשית (מט י): "לֹא יָסוּר שֵׁבֶט מִיהוּדָה"?

נאר, מיט דעם וואס דער כהן גדול האט געבעהטן אויף די אראמישע שפראך האט ער געוויזן אז אויך די מלאכים קענען נישט זיין אין די צייט אין אוהל מועד. ווייל די חכמים זאגן דאך (שבת יב ב) אז ווייל "אין מלאכי השרת מכירין בלשון ארמי" דערפאר דער וואס דאווענט מיט די שפראך טראגן זיי נישט ארויף די תפילה, אויב וואלטן די מלאכים געמעגט זיין אין אוהל מועד בשעת ווען דער כהן גדול געפונט זיך דארט, וואלט דער כהן גדול זיכער נישט געדאווענט אויף א שפראך וואס זיי פארשטייען נישט.

שו"ת 'תירוש ויצהר' סי' קכא

## 'ומקדשי תיראו' – אויך נישט בשעת'ן דאווענען

**"אֶת שַׁבְּתֹתַי תִּשְׁמֹרוּ וּמִקְדָּשִׁי תִּירָאוּ אֲנִי ה'"** (יט ל)

איינמאל האט **רבי יהודה צדקה** ראש ישיבת 'פורת יוסף' באמערקט א מודעה וואס איינער האט אויפגעהאנגען אין שוהל און דארט איז געווען געשריבן: "נא לא לדבר בבית הכנסת בשעת התפילה וקריאת התורה".

ליינענדיג די מודעה האט דער ראש ישיבה ארויסגעוויזן זיין פארדרוס, ווייל פון דער נוסח זעהט אויס אז דער איסור צו רעדן אין שוהל איז נאר בשעת'ן דאווענען, און עס שטייט דאך איז פסוק: "ומקדשי תיראו" - סיי בשעת'ן דאווענען און סיי נישט בשעת'ן דאווענען. האט ער ארויסגענומען א פעדער און צוגעלייגט צוויי ווערטער. און אזוי האט זיך געליינט דער מודעה נאכן פאררעכטן: "נא לא לדבר בבית הכנסת **כלל, ובפרט** בשעת התפילה וקריאת התורה".

'וזאת ליהודה' עמ' 192

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

## 'מי שברך... ונאמר אמן!'

טייערער ליינער, ווען מען וואלט אייך געבעטן העלפן א קראנקן איד מיט א קלייניקייט וואס וואלט נישט געפאדערט פון דיר זיך אנצושטרענגן, אבער דער קראנקער וואלט דערפון געהאט א גרויסע נוצן, וואלט איר זיך אקעגן געשטעלט? זיכער אז נישט!

יעצט פארמאך דיינע אויגן און שטעל זיך פאר אז דו שטייסט יעצט שבת אין שול, בשעת קריאת התורה. דער גבאי זאגט א 'מי שברך' פאר א חולה... און דו... וואו ביזסטו...?!

ענטפערן 'אמן' נאך א 'מי שברך' איז א ביישפיל פון א זאך וואס איז 'קליין' אין דיינע אויגן, אבער האט א ריזיגע נוצן פארן קראנקן! ווען דער ציבור ענטפערט 'אמן' נאך די 'מי שברך', אזוי ווי נאך יעדע תפילה און ברכה, ווערט עס גערעכנט פאר א 'תפילת רבים' וואס האט א גרויסן כח צו ברענגען א רפואה פאר קראנקע.

ווי ווייטאגליך איז צו זען אז עס זענען פארהאן אסאך וואס זענען פארנומען מיט אנדערע זאכן ווען מען זאגט די 'מי שברך'ס' בכלל און די 'מי שברך' פאר די קראנקע בפרט, און טראכטן נישט פון ענטפערן אמן נאכדעם, אדער זיי מורמלען עס אפ אן אויפמערקזאמקייט. וויאזוי איז מעגליך צו איגנארירן דעם שטילן געשריי פון דעם קראנקן וואס פייניגט זיך אין זיין בעט, און נישט זיך באטייליגן צו וויניגסטנ'ס אין ענטפערן אמן נאך די 'מי שברך' וואס מען האט געזאגט אויף זיין געזונטהייט?!

אויסער דעם חסד וואס ליגט אין דעם, דארף מען וויסן אז ענטפערן אמן נאך א 'מי שברך' איז א ריכטיגער חיוב. נישט אומזיסט האט מען קובע געווען מען זאל אויספירן: "ונאמר אמן"! און דער 'מגן אברהם' פסק'נט (רטו ג): "כששומע אחד מתפלל דבר או מברך לישראל אפילו בלא הזכרת השם **חייב לענות אמן**", און דער 'ערוך השולחן' (שם א) לייגט צו אז מיט ענטפערן אמן נאך א 'מי שברך' איז מען מקיים די מצוה פון "ואהבת לרעך כמוך" וואס שטייט אין אונזער פרשה (ויקרא יט יח).

א חשובער איד האט אמאל מיר געשיקט א וואונדערליכן רמז: 'אמן' - איז ראשי תיבות: 'מציל נפש אחת', אבער אויך אן קיין רמזים... עס איז זיכער אז ענטפערן אמן נאך א 'מי שברך' איז מסוגל צו אויפטון אסאך. מיר האבן עס געזעהן מיט אונזערע אויגן, און אונז האבן אויך באקומען נישט ווייניג בריוון פון גוטע אידן וואס זאגן עדות אז ווען דער ציבור האט זיך מחזק געווען צו ענטפערן אמן נאך א 'מי שברך לחולה', איז געווארן א ערנסטע פארבעסערונג אינעם צושטאנד פון דעם פאציענט, ביז ער איז אינגאנצן געזונט געווארן.

אין אונזער פרשה (שם טז) איז דא נאך א באזונדערע ציווי: "לא תעמוד על דם רעך", און מען דארף נישט פארמערן מיט אסאך ווערטער און אויסשמועסן ווי'פיל דאס איז שייך צו דעם ענין וואס מיר רעדן... טייערע ברידער! לאמיר זיך נישט פארהוילן פון די ליידן פון אונזערע קראנקע פריינד און זייערע משפחות. מיר זאלן מקבל זיין אויף זיך מקפיד צו זיין פון דעם טאג און ווייטער ענטפערן אמן נאך די 'מי שברך' וואס ווערט געזאגט צוליב זייער רפואה.

און איך וועל זיך ערלויבן צולייגן: קיינער פון אונז ווייסט נישט וואס עס ווארט אים אף יעדן טאג, קיינער ווייסט נישט וואס געשעהט אין זיין קערפער אין די מאמענט. מיט איין קליינע ווארט וואס מיר וועלן ארויסזאגן פון מויל קענען מיר זיין אין די גדר פון 'המתפלל על חבירו' וואס איז גאראנטירט: 'הוא נענה תחילה', און דאס איז אויסער די זכותים פון ענטפערן אמן וואס וועלן אונז צוקומען.

מיר אלע זאלן זוכה זיין צו זיין געזונט און שטארק - אמן.

דער וואס ענטפערט אמן אויף א 'מי שברך' איז געבענטשט

**א גוט שבת**

יעקב דוד מארמארשטיין

# די תפילה וואס האט אכטונג געגעבן אויף די הערן-מאשין

די פאלגנדע מעשה איז געהערט פון די מויל פון א טייערער יונגערמאן, וואס פלאזט זיך שטענדיג אויף דעם כח התפילה צו ווערן באשיצט און געראטעוועט, אפילו ווען עס זעט אויס אז 'כלו כל הקיצין' און יעדע האפענונג איז פארלוירן. ווען דער יונגערמאן האט זיך גענויטיגט אין א ישועה האט ער גענוצט די עצה, און האט זוכה געווען צו זען ישועות מיט א וואונדערליכן השגחה פרטית.

דער יונגער זון פונעם בעל-המעשה, הייסט יהוד'עלע, פון זיין געבורט ליידט ער אויף די חוש השמיעה, און צוליב דעם דארף ער שטענדיג טראגן א 'הערן-מאשין' (הערינג-עיט) אויף די אויערן. דער קליינער און פארגעשריטענער מאשינ'דל העלפט יהוד'עלען צו קענען אנגיין ווי א געווענליכער מענטש. יהוד'עלע גייט מיט דעם יעדן טאג אין תלמוד תורה, און אדאנק דעם געבט ער זיך א עצה אין קלאס און פארשטייט ריכטיג די מאטעריאל וואס מען לערנט.

וויבאלד דער מאשין איז זייער טייער, און קאסט ארום צען טויזנט שקל, האבן די עלטערן אויסגעלערנט יהוד'עלען אז ער מוז זייער שטארק אכטונג געבן עס זאל נישט פארלוירן ווערן. ווען ער דארף עס אויסטוהן ביים לערנען אין תלמוד תורה, מאכט ער זיכער עס אוועק שטעלן אין א ספעציעלן רעזערווירטע פלאץ אין זיין טעשל.

די תלמוד תורה מאנשאפט זענען זייער איבערגעגעבן אויף יהוד'עלעס פרידן און הצלחה, זיי אינוועסטירן אלעס וואס זיי קענען צוליב זיין הצלחה. פארשטייט זיך, אז זיי זענען אויך אינפארמירט געווארן דורך די עלטערן איבער די טייערקייט פון דעם קליינעם און טייערן מאשינ'דל, און מאכן זיכער צו דערמאנען יהוד'עלען אז ער זאל גוט אכטונג געבן אויף דעם.

און טראץ אלע השתדלות, איין טאג איז די מאשין פארלוירן געווארן און עס איז נישטא.

עס איז געווען ווען עס איז אנקומען דער זומער-זמן, ווען די קינדער גייען ארויס אויף בין הזמנים, ווי געווענליך. אין די תלמוד תורה וואו יהוד'עלע לערנט, איז ווי געווענליך פארגעקומען א זומער-קעמפ. צוליב דעם וואס די קעמפ-מאנשאפט איז נישט א טייל פון די תלמוד תורה מאנשאפט, זענען זיי אויך אינפארמירט געווארן פון יהוד'עלעס עלטערן וועגן זיינע ספעציעלע באדערפענישן, ווי אויך איבער דעם קליינעם און טייערן מאשין, און אויף די וויכטיגקייט עס צו היטן שטענדיג. אבער ווי נאטירלעך איז דער שטאב ווייניגער פראפעסיאנעל, די סדר היום איז נישט אזוי שטרענג, דאס היטן איז שוואכער, און דער רעזולטאט האט נישט פארשפעטיגט צו קומען.

איין טאג איז יהוד'עלע אהיים געקומען ווען ער וויינט ביטערליך. די עלטערן האבן קוים געקענט ארויס באקומען פון זיין מויל די סיבה פון זיין וויינען: די טייערע מאשינ'דל האט זיך פארלוירן.

די נייעס האט זיי זייער פארטרויערט. צוליב די וויכטיגקייט פון דעם מאשין פאר יהוד'עלעס נארמאלע אויפפירונג אין זיין טאג-טעגליכן לעבן, און וויסנדיג אז אויב דער מאשין וועט נישט געטראפן ווערן, וועלן זיי מוזן קויפן א נייע מאשין. א גרויסע הוצאה וואס וועט זיי שווער זיין צו קענען נעמען אויף זיך.

די פאמיליע האט זיך באלד אנגעגארטלט אדורכפירן א גרויסע זוך-אקציע. טייל פון די משפחה זענען געפארן צו די ריכטונג פון תלמוד תורה, און פון דארט זענען זיי געגאנגען אויף דעם גאנצן וועג וואס יהוד'עלע איז געגאנגען. אנדערע האבן געזוכט אין דעם גאנצן תלמוד-תורה, אין די קלאסן, אין די קארידארן און אין דעם גרויסן הויף, לאנגע שעה'ן האט מען געזוכט, אבער עס האט גארנישט געהאלפן. די אבידה איז נישט געפונען געווארן.



דעם אנדערן טאג זענען ווידער פארגעקומען גרונטליכע זוכענישן, אבער די מאשין איז דערווייל נישט געפונען געווארן. דערווייל האבן יהוד'עלעס עלטערן פארשאפט פאר אים א צייטווייליגע מאשין וואס איז נישט געווען אינגאנצן צוגעפאסט צו זיינע ספעציעלע באדערפענישן. גלייכצייטיג האבן זיי אויך אנגעהויבן זוכן א גמ"ח וואס וועט זיי לייען די סומע וואס מען דארף אויף צו קויפן א נייעם מאשין.

אבער יהוד'עלעס עלטערן האבן זיך נישט פארצווייפלט, כאטש עס האט אויסגעזען אז ס'איז נישטא קיין שאנס אז דער מאשין וועט געטראפן ווערן. יעדן טאג האבן זיי געדאווענט א הארציגע תפילה אז די מאשין זאל געפינען ווערן. אפילו דערנאך וואס די 'בין הזמנים' טעג זענען אדורך, און די נייע לערנונג-יאר האט זיך אנגעהויבן האבן זיי נישט אויפגעהערט האפן און דאווענען.

דעם ערשטן טאג פון די נייע לערנונג-יאר, יהוד'עלע גייט באגלייט מיט זיין טאטן צו די תלמוד תורה. יהוד'עלע איז ארויף א קלאס, און זיין טאטע האט אים באגלייט, כדי אים צו פארגרינגערן דאס ארייננקומען אין א נייע קלאס, און רעדן מיטן די מאנשאפט וועגן זיינע אייגנארטיגע באדערפענישן.

יהוד'עלע מיט זיין טאטע זענען אריין אין כיתה, זיין טאטנ'ס בליק איז געפאלן אויף דער רייע טאשקעס וואס האבן געהאנגען ביי די ארייגאנג צו זיין כתה, און פלוצים איז אים אריין אין הארצן אזא געדאנק:

עס איז מעגליך, האט דער טאטע צו זיך געטראכט, אז איינער פון די קינדער אין דער קלאס האט א טעשל ענליך צו יהוד'עלעס טעשל, און אין דעם טאג וואס דער מאשין איז פארשוואונדן געווארן, האט יהוד'עלע געמאכט א טעות און אריינגעלייגט דעם מאשין אין זיין חבר'ס טאש.

יהוד'עלעס טאטע האט באלד געפרעגט זיין זון, צי ער ווייסט פון נאך א יונגל אין דער קלאס וואס האט אן ענליכן מיטאג-טאש, וואס איז ענליך צו זיינע, און יהוד'עלע, אן קווענקלען האט ער באלד געוויזן אויף איינעם פון זיינע חברים, מיטן נאמען צביקי. אבער ווען דער טאטע איז צוגעקומען צו צביקי און אים געבעטן ער זאל אים ווייזן זיין טעשל, האט צביקי ארויסגענומען א נייע און שיין מיטאג טעשל.

צום טאטן'ס אנטוישונג האט צביקי דערציילט מיט פרייד אז די לעצטע יאר האט ער געהאט א טעשל ענליך צו יהוד'עלעס, אבער היי יאר, לכבוד אנהייב די נייע לערנונג-יאר, האבן אים זיינע עלטערן געקויפט א נייעם טאש.

פונדעסטוועגן, האט דער פאטער נישט אויפגעגעבן. ער האט באשלאסן פרובירן רופן די עלטערן; אפשר איז דער אלטער טעשל נאך ביי זיי, און אפשר איז די טייערע הערן-מאשין ביי זיי. ער האט אנגערופן און דערציילט וועגן דעם פארלוסט, און געפרעגט צי די פריערדיגע טאש איז נאך ביי אין שטוב. נאך אסאך זוכן, האט מען געפונען די טעשל ביי די אונטערשטע לעדל פון די וועש, וואס ווארטן קוים צו ווערן געוואשן, מען האט עס אויפגעהויבן און ביים עפענען האט זיך געהערט א איבערראשונג-געשריי פון די אנדערע זייט טעלעפאן.

די קליינע און טייערע מאשין האט מען געפונען בשלום ווען עס ליגט אין זיין ספעציעלער ארט אין דעם טאש. צביקי'ס מאמע האט דערציילט, אז נישט ווייניגער ווי פיר מאל איז שוין די טאשקע ארייגעשטעלט געווארן אין וואש-מאשין וואס איז גרייט געווען צו וואשן, און יעדעס מאל אין דעם לעצטן מאמענט האט מען דאס ארויסגעצויגן לטובת א אנדערע זאך.

עס איז איבריג צו זאגן וואס וואלט ווען איבערגעבליבן פון די איידעלע מאשין אויב עס וואלט זיך געוואשן אין די וואש-מאשין. יעדער האט קלאר און אפן געזען, ווי אזוי די תפילה האט א גאנצער צייט אפגעהיטן די מאשין ביז עס האט זיך אומגעקערט צו איר בעל הבית אויף א וואונדערליכן וועג, פונקט אין דעם ערשטן טאג פון לערנען, דער טאג וואס יהוד'עלע דארף עס וויכטיג האבן פונקט ווי לופט צום אטעמען.

'טיב הקהילה' בחוקתי תשע"ח

## כ"ק אדמו"ר מראחמיסטריווקא שליט"א

אין מסכת ברכות (לב ב) זאגט די גמרא: "ארבעה צריכין חיזוק, ואלו הן: תורה ומעשים טובים, תפילה ודרך ארץ". אין די פאראגאנגענהייט האבן מיר שוין מעורר געווען אויף די חוב פון זיין געווארנט צו ענטפערן אמן וואס איז א חלק פון תפילה וואס עס פעהלט אויס חיזוק אויף דעם, אבער עס פעלט אויס מען נאכאמאל מעורר זיין אויף דעם.

עס איז באקאנט אז 'אמן' איז די סיום פון די ברכה, און ביז ווען דער קהל האט נאכנישט געענטפערט אמן האט זיך די ברכה נישט געענדיגט. און טראץ דעם זעה איך פון מאל צו מאל חזנים וואס ענדיגן די ברכה "מברך השנים" און ווען דער ציבור ענטפערט נאך אמן זענען זיי ממשיך: "תקע בשופר גדול לחרותנו ושא נס לקבץ...", און עס איז שווער צו פארשטיין; וויאזוי קען מען אנהויבן א נייע ברכה ווען די פריערדיגע ברכה איז נאכנישט פארענדיגט געווארן? 'אמן' איז דאך די אויספיר פון די ברכה, אזוי ווי די חכמים זאגן (ברכות נג ב): "גדול העונה אמן יותר מן המברך", (ראה 'עוללות אפרים' ח"ג סי' תס). און וועגן דעם באפעלן די חכמים (סוטה לט ב) ביי ברכת כהנים: "אין הכהנים רשאים להתחיל בברכה אחרת עד שיכלה אמן מפי הצבור". אזוי אויך ביי ברכת התורה פון איינער וואס איז עולה לתורה זאגן חז"ל (שם): "אין הקורא רשאי לקרות בתורה - עד שיכלה אמן מפי הצבור".

דערפאר דארפן די חזנים אכטונג געבן נישט אנצוהייבן די קומענדיגע ברכה איידער דער ציבור האט געענדיגט ענטפערן אמן אויף די פריערדיגע ברכה, און נאר נאכדעם וואס דער עולם האט געענדיגט ענטפערן אמן, קען מען ווייטער ממשיך זיין.

אזוי אויך פארן פארענדיגן די ברכה דארף דער חזןווארטן ביז דער עולם וועט ענדיגן זאגן: 'ברוך הוא וברוך שמו', און נאר דעמאלטס פארזעצן די אויספיר פון די ברכה, ווייל דער ציבור דארף דאך הערן די גאנצע ברכה און ענטפערן אויף דעם אמן (ראה ט"ז סי' קכד סק"ד). און איך האב שוין געזעהן עטליכע מאל ביי די חזנים [עס איז קלאר אז זיי טוהן עס נישט במזיד, נאר צוליב נישט וויסן] אז ווען דער ציבור זאגט 'ברוך הוא וברוך שמו', האבן זיי שוין אנגעיאגט ענדיגן 'מברך השנים', אנהויבן די ברכה 'תקע בשופר' און שוין האלטן ביי "ושא נס לקבץ גלויותינו"... איז אויסגעקומען אז דער ציבור האבן נישט געהערט די אויספיר פון די ברכה 'תקע בשופר' און האבן דערלייגט די אמן.

דער זוהר הק' (וילך רפה ב) רעדט זייער גרויס איבער דער ענין פון ענטפערן אמן, און זאגט אז אין זכות פון ענטפערן אמן עפענען זיך אלע טויערן און עס קומען אראפ אלע גוטע השפעות, אזוי ווי עס שטייט (ישעיה כו ב): "פתחו שערים ויבוא גוי צדיק שומר אמנים'. נאך שרייבט דער זוהר (שם) אז דורך ענטפערן אמן ווערן די תפילות אנגענומען, און נאך שטייט דארט שארפע רייד אויף איינער וואס איז מזלזל ח"ו אין ענטפערן אמן. דערפאר ליגט די אחריות אויפן חזן ער זאל זייער אכטונג געבן, צו ווארטן ביים זאגן 'ברוך אתה ה" ביז דער קהל וועט זאגן 'ברוך הוא וברוך שמו', און ביי די אויספיר פון די ברכה זאל ער ווארטן ביז דער קהל וועט ענדיגן זאגן אמן, און נאר דעמאלטס פארזעצן די קומענדיגע ברכה.

אזוי אויך, דער חזן מוז זיכער מאכן אז דער ציבור זאל קענען ענטפערן אמן אזוי ווי עס שטייט אין 'שלחן ערוך' (או"ח קכד ח, ע"פ ברכות מז א) מען זאל נישט ענטפערן א אמן קצרה, נאר ענטפערן געלאסן, אזוי ווי דער שיעור פון זאגן די דריי ווערטער: א-ל מלך נאמן".

אזוי אויף ביים זאגן קדיש; דער וואס זאגט קדיש דארף נאכן זאגן "יתגדל ויתקדש שמיה רבא" ווארטן ביז דער ציבור וועט ענטפערן אמן.ליידער זעה איך אסאך חזנים וואס בעפאר דער עולם יאגט אן ענטפערן 'אמן' האלטן זיי שוין ביי די ווערטער "בעלמא די ברא כרעותיה". און דער עולם דערלייגט, ווייל אויף די קומענדיגע שטיקל פון קדיש וויל דער ציבור עקסטער ענטפערן אמן... דערפאר דארף מען ווארטן ביי יעדע אמן ביז דער עולם ענדיגט ענטפערן.

איבערהויפט דארף מען אכטונג געבן ביים ענטפערן אמן נאכן זאגן "יהא שמיה רבה" וכו'. ווייל די אמן נאך "דאמירן בעלמא", גייט ארויף אויף דעם וואס דער חזן האט געזאגט פון "יהא שמיה רבה" ביז "דאמירן בעלמא". און הלוואי וואלט מען געקענט איינפירן אז דערנאך וואס דער ציבור ענדיגט זאגן 'יהא שמיה רבה...' , זאל דער חזן אנהויבן פון 'יהא שמיה רבה', אזוי ווי עס איז איינגעפירט ביי די בני ספרד, און דאס איז א וואודערליכער מנהג, ווייל מען פארדינט צו ענטפערן אמן ווי די הלכה איז.

מיר האבן נישט קיין באגריף אין די גרויסקייט פון ענטפערן אמן, ווי מיר האבן געזאגט טרעפן מיר אין זוהר (שם) געוואלדיגע זאכן אויף דעם; דורך דעם עפענען זיך אלע טויערן און זענען ממשיך אלע השפעות טובות. אזוי אויך אמן איז גימטריה פון די הייליגע שמות הוי"ה און אדנ"י.

איך בין געווען אויף ניחום אבלים ביי א אייניקל פון ר' חיים הערש אייזנבאך זצ"ל, 'דער הייליגער ר' חיים הערש', און האט מיך פארציילט אז איינמאל שבעה עשר בתמוז אינדערפרי איז ער געווען ביי זיין זיידן,



און צוליב א געוויסע סיבה האט ער אים באפוילן נישט פאסטן. ווי באקאנט אין זיינע לעצטערע יארן איז ר' חיים הערש געווען א סגי-נהור [בלינד אויף די אויגן, נאכן ליידן אויף א 'קאטאראקט' אין זיין אויג, און האט זיך אקעגן געשטעלט נישט אריבער גיין א אפעראציע וואס ער וואלט זיך געקענט היילן דורך דעם, ווייל מען האט אים געזאגט אז עטליכע טעג נאכן אפעראציע מעג ער זיך נישט טובל'ן אין מקוה פאר מורא פון א אינפעקשן], און דער אייניקל וואס האט יא געוואלט פאסטן, האט געארבעט אויף זיין זיידע און געזאגט א 'שהכל' אן ארויסזאגן דעם שם, ווי ער גייט יעצט טרינקען. רבי חיים הערש וואס האט נישט געוואוסט אז זיין אייניקל האט נישט געזאגט קיין גאנצע ברכה, האט געענטפערט אמן נאך זיין ברכה. אין יענעם טאג איז דער אייניקל געגאנגען צוזאמען מיטן זיידן דאווענען מנחה, און ר' חיים הערש האט באמערקט אז זיין אייניקל האט עולה געווען צו די תורה... נאכן דאווענען האט אים דער זיידע געפרעגט: 'וויאזוי האסטו עולה געווען צו די תורה, דו האסט דאך נישט געפאסט?" (ראה או"ח תקסו ו). נישט האבנדיג קיין אנדערע ברירה האט דער אייניקל געמוזט אנטפלעקן אז ער האט נישט געטרינקען, נאר זיך געמאכט ווי ער טרינקט. הערנדיג די ווערטער איז ר' חיים הערש אויפגעציטערט געווארן און געזאגט מיט ציטער און שרעק: "וואס האסטו געטוהן? האסט צוגעברענגט איך זאל ענטפערן א אמן לבטלה! האסט צוגעברענגט אז איך זאל זאגן צוויי שמות לבטלה!" ער איז געווען אויפגעשווידערט אז ער איז נכשל געווארן מיט ענטפערן אמן לבטלה.

פון דעם קענען מיר לערנען וויאזוי האט מען אין די פריערדיגע דורות באטראכט יעדע אמן; דער הייליגער איד האט נישט געהאט קיין טענות אויף זיין אייניקל אויף דעם וואס ער האט נישט געטרונקען כאטש ער האט אים באפוילן נישט פאסטן, נאר ער איז געווען אויפגעציטערט און דערשראקן פון דעם וואס ער איז נכשל געווארן מיט ענטפערן אמן לבטלה, וואס דאס האט ער געהאלטן טייער ממש ווי זאגן צוויי שמות לבטלה (דא"ח מוצש"ק פרשת בשלח תשפ"ג).

# מאוצרות אמונים

## דער חינוך אויף ענטפערן אמן

### דוד המלך איז געווען געווארנט ענטפערן אמן פון קליינערהייט

רבי אליהו הכהן פון איזמיר בעל 'שבט מוסר' ('מנחת אליהו' פרק לב) שרייבט: "און אזוי גרויס איז דער כח פון ענטפערן אמן, אז חז"ל זאגן (ירושלמי שביעית ד ח): 'מאימתי קטני ישראל חיים?... תני בשם רבי מאיר, משהוא יודע לענות אמן בבית הכנסת".

רבי אליהו לייגט צו אז אויך דוד המלך האט אויף זיך עדות געזאגט אז ער איז געווארנט צו ענטפערן אמן פון קליינערהייט, ווייל אזוי האט ער געזאגט (תהילים כז יג): "לולא האמנתי" - ווען איך וואלט זיך נישט איינגעוואוינט פון קליינערהייט צו ענטפערן אמן נאך יעדע ברכה, וואלט איך נישט זוכה געווען "לראות בטוב ה' בארץ חיים", ווייל אין זכות פון ענטפערן אמן איז מען זוכה צו חיי העולם הבא - "בארץ חיים".

דער מקובל רבי עמנואל חי ריקי בעל 'משנת חסידים' ברענגט א רמז אויף די ווערטער פון רבי מאיר אז א קטן איז זוכה אויף חיי העולם הבא פון ווען ער ענטפערט אמן, פון דעם וואס די סופי תיבות: "בן העולם הבא" איז 'אמן' ('חושב מחשבות' מאמר רוח נבואה אות כו).

### מרדכי האט מחנך געווען אסתר צו ענטפערן אמן

נאך זאגט דער 'שבט מוסר' אז אויך מרדכי הצדיק האט מחנך געווען אסתר המלכה וואס איז ערצויגן געווארן אין זיין הויז פון קליינווייז אן צו ענטפערן אמן. אזוי ווי מען קען טייטשן דעם פסוק (אסתר ב ז): "ויהי אמן את הדסה היא אסתר בת דודו כי אין לה אב ואם" - ווייל אסתר האט נישט געהאט א טאטע און מאמע זאלן איר אויסלערנען ענטפערן אמן, דערפאר; "ויהי אמן את הדסה", האט מרדכי איר אויסגעלערנט ענטפערן אמן.

### א רמז מן התורה

האדמו"ר רבי יהוסף פון קאסאני זאגט א רמז אויף די שיטה פון רבי מאיר אז א קטן איז זוכה צו עולם הבא פון ווען ער ענטפערט אמן, פון די רייד פון יוסף פאר זיינע ברודער (בראשית מב ב): "ואת אחיכם הקטן תביאו אלי ויאמנו דבריכם"; אין וועלכע זכות איז 'הקטן' זוכה קומען "אלי" אין עולם הבא? אין זכות פון: 'ויאמנו דבריכם' - וואס מען לערנט אים ענטפערן אמן ('ליקוטי בני שלשים' מקץ).

### ענטפערן אמן הייבט אויף פון אונטן אויף אויבן

פון די חכמים וואס זאגן (שם) אז ענטפערן אמן איז מעלה דעם קטן צו זיין א בן עולם הבא, קען מען זיך לערנען אז יעדע ענטפערן אמן לייגט צו און הייבט דעם מענטש אין דעם זעלבן באציאונג צו דער מדרגה פון דעם קטן - וואס איז זוכה צו עולם הבא דורכ'ן ענטפערן אמן.

א רמז אויף דער יסוד קען מען אויך ברענגען פון דעם וואס דער אונטערשייד צווישן די גימטריה פון 'מעלה' [145] ביז די גימטריה פון 'מטה' [54] איז פונקט איין און ניינציג, אזוי ווי די גימטריה פון 'אמן'. אונז צו לערנען "אז דער וואס געפונט זיך אונטן, אין די נידריגסטע שטאפל, קען דורך ענטפערן אמן ארויף גיין העכער און העכער, ביז ער וועט ווערן זייער גרויס" (די הסכמה פון רבי אהרן שפירא דער רב פון 'פרדס כץ' אויף די ספר 'יתגדל ויתקדש שמיה רבה').

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער ליינער

צו די רעדאקציע 'וכל מאמינים'

עס איז וואונדערבאר צו זען ווי גוט איר שילדערן, שרייבן און ערקלערן, איינמאל און נאכאמאל, איבער די כח פון ענטפערן אמן. יעדער גליון שלאגט ווארצלען אין די הארץ פון דער וואס קוקט אריין דערין, און ערוועקט אים איינערקענען אין די גרויסקייט און וויכטיקייט פון ענטפערן אמן, ביז עס ווערט מקוים ביי אים דער פסוק (איוב יד יט): "אבנים שחקו מים", און 'מים' [מיט די כולל] איז ווי באקאנט גימטריה 'אמן'.

ס'איז דא א באקאנטער פסוק (משלי ג יח): "עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מאושר". דער 'מצודת דוד' (שם) טייטש אז 'תומכיה' איז די כוונה אויף דער וואס האלט אונטער די מצוות פון די תורה דורך טוהן גדרים און סייגים. ענליך צו דעם איז דער וואס נעמט זיך אונטער ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין, מיט דעם שטיצט ער די מצוה פון אמונה וואס איז די יסוד פון אלעס, אזוי שרייבט רבינו בחיי אין פרשת בשלח. און אויב אזוי, אויף אים זאגט דער פסוק "ותומכיה מאושר" - ער עפענט די שערי אושר, טובה וברכה פאר אים און פאר גאנץ כלל ישראל. און הערט נאר צו די חידוש וואס פון דעם האב איך באקומען חיזוק און א ראי' צו די ווערטער, ווייל די גימטריה פון די ראשי תיבות: "חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מאושר", באטרעפט פונקט איין און ניינציג אזוי ווי די גימטריה פון אמן.

א דאנק און אסאך ברכות, ענקער פריינד וואס דערקוויקט זיך צו ליינען ענקער גליון מידי שבת בשבתו

**אברהם גרינוואלד**

**בית שמש**

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס:
9139191@gmail.com

# שערי גן עדן

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא

### בעל 'היכל הברכה' פון קאמארנא

#### י' אייר תרל"ד



די מצבה אויפן קבר פון בעל 'היכל הברכה' אין קאמארנא

האדמו"ר רבי יצחק יצחק יהודה יחיאל סאפרין איז געבוירן געווארן אין יאר תקס"ו צו זיין פאטער רבי אלכסנדר סנדר, וועלכער האט געדינט אלס רב אין דער שטעטל קאמארנא. אין זיין קינדערישע האט ער געלערנט תורה ביי זיין גרויסן טאטן.

נאכדעם וואס ער איז געווארן א יתום פון זיין פאטער אין עלטער פון צוועלף יאר, איז ער אויפגעוואקסן געווארן ביי זיין פעטער, זיין פאטערס ברודער, האדמו"ר רבי צבי הירש פון זידיטשוב, און נאך זיין חתונה מיט די טאכטער פונעם צדיק רבי אברהם מרדכי פון פינטשוב, האט ער זיך אריבערגעצויגן צו די שטעטל פינטשוב, וואו דארט האט זיין שווער געדינט אלס רב.

ער איז אסאך געפארן צו די צדיקים פון זיין דור און פון זיי געלערנט די ערליכע וועגן און חסידות, אבער דער עיקר האט ער מקבל געווען פון זיין שווער און פעטער דער זידיטשויבער רבי'ן. נאך די פטירה פון זיין פעטער אין יאר תקצ"א, און ער איז נאר פינף און צוואנציג יאר אלט, איז ער צוריק קיין קאמארנא, און עס האט אנגעהויבן שטראמען צו אים א גרויסער עולם חסידים, און ער איז באקאנט געווארן אלס א פועל ישועות. ער האט מחבר געווען אסאך ספרים וואו ער האט צוזאמגעשטעלט די וועג פון דער אר"י הק' און פונעם בעל שם טוב, צווישן זיי: 'היכל הברכה' - א פירוש אויף חמשה חומשי תורה, און 'זוהר חי' - א פירוש אויפן זוהר.

ער איז נסתלק געווארן י' אייר תרל"ד און באערדיגט אין בית החיים אין קאמארנא.

### א ציטער און א שרעק

אזוי שרייבט דער קאמארנער אין זיין ספר 'שלחן הטהור' (רטו ד):

דער זוהר הק' שרייבט זייער שארף אויף די גרויסע שטראף פון דער וואס איז מבטל די מצוה פון ענטפערן אמן, און אויף די גרויסע שכר פון דער וואס איז געווארנט אין דעם, און יעדער וואס זעט די ווערטער כאפט אים אן א ציטער און א שרעק. דערפאר זאל יעדער מענטש אכטונג געבן צו ענטפערן אמן נאך די ברכות פון זיין חבר מיט גרויס כוונה און מיט ישוב הדעת, און מקפיד זיין צו ענטפערן יעדן טאג ניינציג אמנים.

### א מנהג כשר

נאך שרייבט ער אין ענין פון מחנך זיין די קליינע קינדער צו ענטפערן אמן (שם צה ג):

"עס איז א מנהג כשר אז דער מלמד תינוקות ברענגט די תינוקות של בית רבן אין שוהל זיי זאלן ענטפערן אמן און 'יהא שמיה רבא' און קדושה מיט א זיסע שטימע. און אזוי האט געטוהן מרן רבי ישראל בעל שם טוב אין זיין יוגנט, ער האט צוזאמגענומען אלע תינוקות של בית רבן און זיי געברענגדט אין שוהל זיי זאלן ענטפערן 'אמן, יהא שמיה רבא'".